ב"ה

# צעירי השלוחים

"פאראייניגטע צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office



פרשת ויחי

י"ב טבת תשס"ה

## לעבען מיט דער צייט

### פרשת ויחי

מה זרעו בחיים

די גמרא זאגט בנוגע יעקב אבינו - "זרעו בחיים". אז "זרעו", אלע אידן וואס שטאמען דאך פון יעקב אבינו, זיי זיינען דאך זיינע קינדער, דארפן זיי זיין "בחיים" - לעבעדיקע אידן.

דער טייטש פון דעםווארט "זרעו" איז אויך מלשון זריעה (זייען).

דער סדר אין זריעה איז, אז מען פארזייט א קליין קערנדל, אבער אין דעם גיט אריין דער אויבערשטער זיין ברכה, און פון דעם קערנדל וואקסן אויס א סך תבואה קערנדלאך, און אויב ס'איז א קערנדל פון א בוים- א גרויסער בוים מיט א סך גוטע פרוכטן. כאטש אז דער קערנדל וועלכן מען האט איינגעזייט איז א קליין קערנדל, פארנעמט א קליינעם ארט און איז אויך ניט קיין צו שטארקער, פונדעסטוועגן, בשעת מען זייט אים איין אין גוטע ערד, מען באגיסט עס און מען טוט טוט אלע ארבעטן וועלכע מען דארף האבען דערצו, דאן איז פון דעם איין קליין קערנדל וואקסט ארויס תבואה, אדער א גרויסער בוים מיט א סך פירות, וועלכע פארמאגן אין זיך אויך א סך קערנדלאך.

אזוי איז בנוגע אידן: אפילו די וועלכע זיינען קליין - קליין אין יארן, צי אפילו גרויס אין יארן אבער קליין אין זייער ידיעה בנוגע תורה און אידישקייט-וואס דער אמת איז- (ארייטראכטנדיק אז תורה איז ארוכה מארץ מדה גו', ז' איז אומבאגרעניצט, ווארום ז' קומט דאך פון דעם אויבערשטן וואס ער איז אומבאגרעניצט, ובמילא איז דאך)- אפילו די ידיעה פון גאר גרויסע לומדים איז גאר קליין-

(המשך אין עמוד 2)

טייערע קינדער שלוחים,

מיר האלטן איצט אין חודש טבת, דעם קאלטסטן חודש פון יאר. דער חודש ווען יעדער טוכט וועגן ווי ליק צו אנווארעמען פון די דרויסענדיגע קעלט. איר, אלס די געטרייע שלוחים, האט א צוגעגעבענע עבודה. ניט נאר דארפט איר ליק היטן פון דעם קעלט, נאר איר דארפט אויך טוכן צו אנווארעמען אנדערע. דווקא ווען אין וועלט איז קאלט דארף מען האבן די ווארעמקייט וואס די שלוחים ווי אייך פארשפרייטן.

דאס דערמאנט מיר די מעשה וועגן א פאר מענטשן וואס האבן געזעסן אין א קאלטע צימער. איינע פון זיי איז אויפגעשטאנען, און האט געזאגט "עס איז אזוי קאלט!" ער איז ארויס געגאנגען פון צימער און איז צוריקגעקומען מיט א ווארעמע מאנטל. "נאר דאס האסטו געטראכט טאן?!" האט מען אים געזאגט "דו האסט געקענט מאכן א פייער, און אזוי אנווארעמען אלע וואס געפינען ליק יעצט אין דעם צימער!!" דאס איז דער עבודת השליחות צו אנווארעמען דעם ארום. הצלחה רבה אין אייערע ארבעט קינדער. ווארעמט אן די וועלט און לאמיר שוין טוכה זיין צו די ווארעמקייט און ליכטיקייט פון משיח נאו!!!

עורכת: איידלה וועכטער

## דעם חסידישן לוח

### עשרה בטבת

די גוים האבן ארום גערינגלט ירושלים
געלאזט קיינעם ניט ארויס,
מען האט ניט געהאט עסן
און דער הונגער איז געווען זייער גרויס.
מיר פאסטן יעצט יעדן יאר
און בעטן ביים אויבערשטן דערפאר
שיבנה בית המקדש
ענדיגן שוין אונזער צער!!

אויף דעם טאג פון עשרה בטבת האבן די שלעכטע גויים ארומגערינגלט ירושלים, און זיי האבן ניט געלאזט אריינקומען אדער ארויסגיין. זיי האבן געוואלט צווינגען די אידן זיך אונטערטעניגן אונטער זיי. די אידן האבן ניט געהאט עסן, אבער מיטן אויבערשטנס הילף האבן זיי זיך געהאלטן שטארק פאר כמעט דריי יאר. דער אויבערשטער האט געווארט אויף זייער תשובה.

אבער, די אידן האבן ניט תשובה געטאן און כמעט דריי יאר שפעטער איז די וואנט ארום ירושלים צובראכן געווארן און מען האט באלד פארברענט דעם הייליקן בית המקדש.

יעדן יאר אויף דעם טאג פון עשרה בטבת פאסטן די אלע וואס זיינען עלטער פון בר/בת מצוה. דער עיקר פון א פאסט טאג איז ניט נאר דעם פאסט, נאר אונזער תשובה, און דעם תפילה צום אויבערשטן אנצונעמען אונזער תשובה און שוין אויפבויען דעם בית המקדש השלישי!!

ב"ה



# דערציייל מיר א מעשה

## מיט'ן ברכות פון רבי'ן

ווען הרב פראדקין, שליח פון דער רבי אין קליפורניא, האט געענדיקט די לעצטע "טעלעפאן קאל" מיט וואס ער האט באשלאסן טאקע עפענען דעם סקול די יאר, האט ער געקוקט אויפן לוח צו זעהן וואו מען האלט.

"אוי ווייי!" האט ער געזאגט, "סקול דארף זיך אנהויבן אין נאך דריי וואכן! ווי אזוי וועט אלץ זיין גרייט?" איז ער גלייך צוריקגעגאנגען צו זיין ארבעט מיט א נייע ברען.

ער האט געארבעט אויף אריינברענגען גענוג געלט פאר דעם סקול, און בעיקר ברענגן אידישע קינדער צו אן אמת'ן מוסד חינוך. אלץ איז געגאנגען מיט אסאך הצלחה, אבער ווען ער האט געפרואווט באקומען די אפיציעלע פאפירן אויף צו עפענען דעם סקול, איז דער ענטפער געקומען קלאר און קאלט, "די פאפירן וועלן זיין גרייט נאר נאך דריי חדשים," האבן זיי געזאגט.

האט הרב פראדקין גלייך געבעטן א ברכה פון דער רבי.

די ווארעמע ברכה וואס ער האט גלייך באקומען פון דער רבי אויף א סאך הצלחה האט בארואיגט דעם שליח. ער האט ווייטער געארבעט אויף תלמידים און געלט. "אלץ וועט זיכער זיין בסדר," האט ער געטראכט. נאר די זארג פון די פאפירן איז נאך אלץ געבליבן.

עס איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט אין די הויז פון הרב פראדקין, ווען מען האט געהערט א קלאפ אויפן טיר. ווען ר' פראדקין האט געעפנט דעם טיר, האט ער געזען אן אומבאקאנטע מענטש שטייענדיג ביי דעם טיר.

"האלא. איך ארבעט אין די אפיסעס פון די "בילדינג דעפארטמענט" אויף די פאפירן פאר בנינים. קען איך ביטע ריידן מיט דיר?"

דער מענטש האט דערציילט הרב פראדקין אז ער האט זייער שווערע פראבלעמן אין זיין משפחה, און ער דארף א ספעציעלע סייעתא דשמיא. האט ער געזוכט א זכות אויף דעם. "איינער האט מיר געזאגט אז דער ליובאוויטשער רבי'ס שליח דארף הילף אויף צו עפענען זיין סקול. איך בין געקומען דיר העלפן!"

*קינדער, א שליח איז א המשך פון דער משלח — דער רבי. און ווען א שליח ארבעט שווער אויף זיין שליחות, קען ער זיין פארזיכערט אז דער רבי וועט זיכער העלפן.*



*(המשך לעבען מיט דער צייט)*

איז בשעת זיי הארעווען אין דעם וואס זיי וויסן, און מען באגיסט עס מיט יראת-שמים און חסידישע ווארעמקייט, איז פון דער קליינער ידיעה וואקסט אויס תבואה און א גרויסער בוים מיט פיל גוטע פרוכט.

דער אויבערשטער זאל העלפן יעדן איינעם פון אייך, איר זאלט אויסנוצן דעם קערנדל וועלכן איר האט, אנהויבנדיק פון גאר דעם ערשטן קערנדל, וואס דאס איז דער נפש האלקית וואס דער אויבערשטער האט אריינגעגעבן אין יעדערן, און דאן - איז דאס וואס מען האט געלערנט מיט אייך אין דער ישיבה - אין תורה ומצותי', זאלט איר עס אויסנוצן אין דער פולסטער מאס, וואס דאן וועט דערפון אויסוואקסן תבואה און א גרויסער בוים מיט א סך פירות, וואס אמת'ע פירות פון א אידן זיינען ווי די גמרא זאגט, מצות און תורה.
(י"א שבט תשכ"ג)

*טייערע קינדער, מיר די קינדער פון דעם רבי'ן דארפן ממשיך זיין דעם לעבן פון אונזער טאטע - דער רבי. עס שטייט "מה זרעו בחיים, אף הוא בחיים" דורך דעם וואס מיר-די קינדער פון דעם רבי'ן - לעבן, מיר גיין ווייטער אין זיין הייליגע וועגן, מיר האלטן זיך שטארק אויף זיין וויכטיגע שליחות וואס ער האט געלייגט ספעציעל אויף זיין באליבטע שלוחים, דאן זיינען מיר ממשיך דעם רבי'ן מיט אונז אויף ווייטער!!*

## משיח נאו!!

קינדער, דער רבי זאגט אונז אז מיר דארפן זיין זייער אפגעהיט אין מצות אהבת ישראל. דער וויכטיקייט פון דעם מצוה איז אלעמאל אונטערגעשטראכן אלס א תיקון – א פארריכטונג אויף די עבירה וואס האט געברענגט די גלות – שנאת חנם, פיינט האבן אידן אן קיין ריכטיגע סיבה. דער רבי לייגט צו אז יעצט, אזוי פיל יארן נאך די חורבן, און נאך אזויפיל עבודה פון אלע דורות פון אידן, האבן מיר שוין זיכער מתקן געווען דער חטא. יעצט האט אונזער אהבת ישראל א נייער מיין, זיך אנצוגרייטן אויף די גאולה, לעבן מיט משיח. פונקט אזוי ווי פאר שבת ארבעט מען אויף צוגרייטן אלע אויף שבת, און מען איז אפילו טועם די עסן פון שבת, טוען מיר יעצט צוגרייטן אויף די גאולה, וואס וועט זיין א צייט פון נאר שלום אין דעם גאנצ'ן וועלט, דורך אונזער אהבת ישראל יעצט!!

*להאיר – אהבת ישראל איז אויך מיט ברידער און שוועסטער!!*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

# עשרה בטבת

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, י"ז טבת, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

## שאלות אויף עשרה בטבת

1. וועלכער פאלק איז געקומען צו חרוב מאכן די ערשטע בית המקדש? ______________
2. וועלכע גוי'שע מלך איז געווען די הויפט פון דעם פאלק? ______________________
3. וועלכע נביא דערציילט אונז וועגן די מעשה פון דעם חורבן? ____________________
4. אויף ווי לאנג האט דער אויבערשטער געשטארקט די אידן אנטקעגן זייער פיינט? _______
5. אויף וועלכע זינד איז די חורבן געקומען? __________________________________
6. וועלכע נביא איז אוועק אויף עשרה בטבת? _______________________________
7. עשרה בטבת איז דער איינציגסטע פאסט וואס מען וואלט געפאסט אפילו אויף ________ (וועלכע טאג פון וואך)?
8. וועלכע צוויי תפילות לייגן מיר צו אויף עשרה בטבת? ________________________
9. וואס זאלן קינדער וואס פאסטן ניט, טאן אויף עשרה בטבת? ____________________
10. וואס דארפן מיר בעטן פון דעם אויבערשטן אויף דער טאג? ____________________

**די קינד וואס האט געוואונען—פרשת ויחי: ישרא-ל ליפשיץ, 8**

שם: __________________________ ווי אלט: ____

אדרעס: ________________________________________

אי-מייל: ____________________________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org